וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת וישלח, י"ט כסליו תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון נ"ד

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................... 4:10
מוצאי שבת.............................. 5:40

## א מעשה פון תפלה

### מאטי הײמליך

איך האב פארלוירן די חוש הריח, דאס שפירן א טעם אין עסן, נאכדעם וואס איך האב באקומען די קאראנא ווירוס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריקקומען די חוש הטעם ווי אמשנעלסטן, שכח אייבערשטער אז איך פיל שוין צוריק א טעם אין עסן, און שכח אייבערשטער פאר אלע יארן ביז יעצט וואס איך האב געפילט א טעם אין די עסן.

### נחמן שמואל יאקאבאוויטש

ביי מיין דירה אין בארא פארק האב איך געהאט גוי'אישע שכנים וואס האבן געקוקט טעלעוויזשן א גאנצן טאג און פארשטייט זיך זיי האבן נישט געהאט קיין פירהאנג אויף די פענסטער, אזוי אז דאס האט זייער פארשווערט פאר מיר און פאר די קינדער צו זיך קענען היטן די אויגן, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל פטור ווערן פון די שכנים, ביז לעצטנס האט עס א צווייטער אפגעקויפט און זיי האבן זיך אוועקגעצויגן פון דארט, אזוי האט מען ברוך השם געקענט אפאטעמען, שכח אייבערשטער!

### ברוך יאקאבאוויטש

פאראגאנגענעם שבת בין איך אריינגעפארן אין שטאט פאר שבת, איך האב מיך דערזעהן אז עס פעלט מיר די קליידער פאר שבת, איך האב אנגעהויבן צו פרעגן מענטשן ווער עס קומט נאך אריין אויף שבת אין שטאט, אבער קיינער האט זיך נישט אנגערופן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס נאך קענען האבן פאר שבת, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן איינער וואס האט עס געקענט טראגן צו מאנסי און פון מאנסי האב איך געהאט א צווייטער אינגערמאן וואס האט מיר עס געקענט ברענגען נאך פאר שבת.

## נייעס אין שטעטל

### באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

מיטוואך ביינאכט האט מען געהאט די זכיה צו האבן אויף א באזוך דעם ראש ישיבה שליט"א. דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט דעם דף גמרא אין די צייט וואס עס ווערט פארגעלערנט יעדע נאכט דורך די מגיד שיעור ר' יוסף שניטצלער נ"י, דערנאך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון טוהן זאכן בזריזות, ווי למשל ווען עס קומט די צייט פון דאווענען שטעלט מען זיך גלייך דאווענען, נישט אפשטופן פאר שפעטער.

יעצט קומט חנוכה דארף מען זעהן צו דאווענען מעריב ביים זמן און אהיימגיין צינדן לעכט און פארברענגען מיט די ווייב און קינדער, זינג מיט די קינדער ניגונים וואס ער האט ליב, **קינדער דארפן גארנישט**, זיי דארפן א ווארעמע היים.

שבת חנוכה פארט מען נישט אויף אומאן, נאר מען זיצט אינדערהיים און מען איז מחנך די קינדער.

איך בין ספעציעל געקומען צו פארן צוויי שעה ענק צו מחזק זיין צו קומען יעדע נאכט לערנען דעם דף גמרא, נישט קיין חילוק וואס עס גייט אריבער, ווייל דאס איז וואס איז בלייבט איבער.

### אפדעיט ביים קרן הדפסה בנין

גוטע נייעס קומט אריין אז מען גייט שוין אט אט זיך אריינציען אינעם נייעם בנין קרן הדפסה, מען ווארט שוין יעדן טאג מען זאל שוין קענען ניצן דעם בנין, די מפיצים לעכצן נאך פרישע קונטרסים און ספרים.

מען האפט מיט די צייט צו עפענען אינעם בנין א רייע אפיסעס מען וועט צושטעלן א אפיס פאר יעדן אינגערמאן וואס האט נאר עפעס א בייפאל אין הפצה וועט קענען דארט אהינקומען און טוהן פאר הפצה.

עס וועט זיין א אפיס צו רעקארדירן נייע סידיס פון טאנץ מיט אמונה, אזוי אויך וועט זיין א אפיס צו טייפן די דרשות און בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א, און אזוי וועט זיין נאך און נאך אפיסעס פאר יעדן אינגערמאן וואס וויל נאר ארויסהעלפן אין הדפסה, הפצה, פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט די שיינע עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

### שבת התוועדות פאר בית פיגא תלמידות

גאר א שיינע שבת התוועדות איז אריבער פאראגאנגענעם שבת ויצא דא אין שטעטל ווען אלע תלמידות בית פיגא פון אלע שטעט זענען זיך צאמגעקומען צו פראווען א שיינע שבת צוזאמען וואס איז געווארן אנגעפירט דורך די געטרייע מנהלת מרת לעסער תחי'.

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר אלע חשוב'ע פרויען פון שטעטל, אזוי אויך פאר די בית התבשיל אנגעפירט דורך שלמה יאקאבאוויטש נ"י וואס האבן אזוי שיין ארויסגעהאלפן מיט אלעם וואס פעלט זיך נאר אויס פאר די סוקסעס פונעם שבת התוועדות.

מען האט צוגעשטעלט פאר'ן שבת די עסן פאר אלע סעודות, אויך איז געווארן אהערגעשטעלט גאר א שיינע פאנעל און שיינע דרשות דורך די פרויען אנשי שלומינו פון שטעטל, מוצאי שבת ביי מלוה מלכה האט מען אהערגעשטעלט גאר א שיינע שפיל פון וואס די תלמידות זענען ארויס מלא חיזוק.

ספעציעל ווילן מיר זיך באדאנקען פאר האברך נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו וואס האט צוגעשטעלט זיין דירה פאר די חשוב'ע תלמידות, די זכות וועט אים זיכער שטענדיג באגלייטן.



בשורה טובה

עס איז שוין ברוך השם דא צו באקומען אלע חנוכה געברויכן.

מנורות, גלעזלער, קנויטן, אויל, דריידלעך און אזוי ווייטער, אלעס פאר גאר ביליגע פרייזן.

אויב זעהט איר נישט א געוויסע פראדוקט וואס איר זוכט קענט איר זיך מעלדן צום שמש האברך בנצי יאקאבאוויטש הי"ו אדער האברך יחזקי שארף הי"ו

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך בין יעצט אויפן וועג קיין ארץ ישראל; איך שרייב דיר א בריוו פון הימל, פון העכער די וואלקענעס.

שטארק דיך טייערער ... נרו יאיר און שטארק דיין ווייב תחי'; איך וועל אם ירצה ה' מתפלל זיין פאר דיר און פאר דיין משפחה, איך וועל דערציילן פאר מוהרא"ש אלעס וואס איר טוט אויפצובויען אונזערע מוסדות.

דו האסט א גרויסער חלק אין אלע אונזערע גוטע מעשים; אינעם חדר, סקול, הדפסה און קעמפ, יעצט וועסטו אויך האבן א חלק אין דאס בויען א שיינעם שטעטל על שם רבינו; נאך אביסל וועלן מיר זוכה זיין צו האבן א "**ברסלב'ע שטעטל**" אין אמעריקע.

**מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט א שטעטל אין ארץ ישראל אויפ'ן רבינ'ס נאמען, מיר וועלן דאס אם ירצה ה' נאכמאכן אין אמעריקע; ונזכה ונחי' ונראה.**

איך בין דיר זייער דאנקבאר פאר'ן העלפן די ישיבה מיט'ן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאלער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

געב איבער פאר דיין אשת חיל א דאנק פון מיר פאר איר איבערגעגעבענע ארבעט פאר די מוסד.

...

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פאר'ן ארויסהעלפן די ישיבה מיט'ן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האב זייער הנאה דיר צו זען לערנען בהתמדה רבה אזוי ווי אין דיינע ערשטע יארן ווען דו ביסט מקורב געווארן; א מחי' צו זען א אינגערמאן זעצט זיך אוועק אין ישיבה לערנען משניות אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן.

די הייליגע חכמים זאגן (מנחות ק.) אויפ'ן פסוק (מלאכי א, יא): "וּמִנְחָה טְהוֹרָה", אז דאס מיינט מען א מענטש וואס לערנט תורה, "נושא אשה", קודם האט מען חתונה, "ואחר כך לומד תורה", און נאכדעם לערנט מען תורה; ווייל נאך די חתונה האט מען מער נישט קיין שלעכטע מחשבות, מען איז ריין, אויף דעם אופן קען מען לערנען תורה ריינערהייט.

**יעצט אז דו האסט שוין ברוך ה' חתונה געהאט איז די בעסטע צייט אין לעבן צו לערנען.**

ווען איך האב זיך דערוויסט פונעם רבינ'ס "סדר דרך הלימוד" נאך מיין חתונה, איז ממש געווען ביי מיר ביטול הבחירה; איך בין געזיצן און געלערנט זייער פלייסיג, איך פלעג זאגן א גאנצע סדר משניות א טאג און צענדליגער בלעטער גמרא. דאס איז געווען בשנת תשס"ה - פיר יאר נאך מיין חתונה; דאס איז א תקופה ווען מען האט נאכנישט קיין טרדות, די קינדער זענען נאך קליין וכו', מען האט שוין א זויבערע קאפ וכו' וכו' - ממש א מחי'.

דעריבער אז איך זע דיר אויסנוצן די צייט פריי איך מיר זייער.

טייערער ליבער ... נרו יאיר, דו האסט באקומען א מתנה א טייערע ווייב תחי', און נאך אביסל ביסטו שוין א טאטעלע, דארפסטו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נסים וואס ער טוט מיט דיר. זאלסט שטענדיג געדענקען ווען דו ביסט געווען א בחור אין וואלד און ווי דער אייבערשטער האט דיר געשיקט די זיבן בעטלערס וועלכע האבן דיר געגעבן ברויט און דיר חתונה געמאכט.

זע צו העלפן דיין ווייב, בפרט אין די יעצטיגע טעג ווען זי ווארט וכו', די טעג זענען שווערע טעג פאר א פרוי - בפרט אין אנהייב וכו', דארף מען זען צו העלפן אין שטוב; אסאך מאל דארף מען אליינס קאכן עסן אדער אהיימברענגען עסן וכו'.

איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר; אלע וואס העלפן די מוסד זע איך אין דעם זייער "הכרת הטוב", אז זיי געדענקען וואס די מוסד האט געטון פאר זיי. דאס וואס איך טו, איך ארבעט טאג און נאכט מיט בחורים, אינגלעך און מיידלעך, אינגעלייט און ווייבלעך וכו' וכו' אן קיין שום אינטערעסע, דאס טו איך נאר ווייל איך געדענק וואס דער רבי האט געטון מיט מיר.

איך קום יעצט פון הייליגן רבינ'ס ציון; איך בין צוויי מאל געווען אין אומאן. מיר זענען אוועק געפארן פון אומאן פינף אזייגער פארטאגס צו כאפן די פליגער עלף אזייגער פארמיטאג, אינמיטן וועג האבן מיר באקומען א ידיעה אז דער פליגער פארט הערשט אכט אזייגער ביינאכט, זענען מיר צוריק געפארן קיין אומאן; יעצט זיץ איך אין ערפארט פון אכט אזייגער, ווייל פון אכטע האט זיך עס אפגעשטופט אויף עלף אזייגער ביינאכט.

וואס מיינסטו האב איך געטון אין אומאן? איך האב געזאגט פארן רבי'ן איין זאך:

"**רבי, יישר כח פאר מיין לעבן!**" דאס האב איך איבערגעזאגט נאכאמאל און נאכאמאל ווען טרערן פון שמחה זענען מיר גערינען פון מיינע אויגן. אויך אין יבנאל האב איך דאס געזאגט פאר מוהרא"ש: ""יישר כח מוהרא"ש פאר מיין לעבן"; איך וועל מיין גאנץ לעבן ווייטער משמש זיין מוהרא"ש און דעם רבי'ן - דערציילן פאר יעדן איינעם פון די זיסע לעבן וואס דער רבי געבט אונז.

איך וויל דיר דערציילן א מעשה וואס מיר האבן יעצט געהאט אין עירפארט; מיר זיצן דא שוין פאר לאנגע שעות, איך, מיין ווייב און מיינע דריי עלטסטע קינדער; דער פליגער פארט נישט און שטופט זיך אלץ אפ מער און מער, אזוי זיצנדיג רוף איך זיך אן פאר מיין ווייב: "ווען איך בין ווען נישט מקורב צו מוהרא"ש וואלסטו געווען שולדיג אז דער פליגער האלט זיך אין איין אפשטופן"; מיינע קינדער קוקן מיר אן און פארשטייען נישט וואס איך רעד, וואס האט צו טון מוהרא"ש מיט די פליגער-פארשפעטיגונג מיט מיין ווייב?! האב איך זיי פרובירט מסביר צו זיין ווי אזוי מענטשן לעבן, אז אפילו די וואוילע מענטשן וואס האבן כלומ'ריש שלום בית איז דאס ווילאנג אלעס גייט מער וויי'ניגער אויפ'ן סדר היום, אבער ווען עפעס גייט ארויס פון זייער וועג - ווער איז שולדיג? די ערשטע איז שולדיג די ווייב, און אויב די ווייב לאזט זיך נישט - כאפן די קינדער; בקיצור, מיינע קינדער האבן דאס נישט געוואלט פארשטיין, ברוך ה' אז זיי ווייסן נישט וואס איך רעד.

עס גייט נישט אריבער מער ווי אביסל צייט און עס קומט אן א משפחה - א מיטליעריגער איד מיט זיין ווייב און קינדער, אינמיטן באמערקט דער איד אז ער האט פארגעסן זיין רעקל און מאנטל אין שטוב, ער איז געווען אנגעטון נאר מיט א מעיל (רעגן מאנטל); דער איד הייבט אן שרייען אויף זיין ווייב: "וואו איז מיין רעקל? ווי אזוי וועל איך קענען גיין אין גאס?!" זיין ווייב האט זיך אנגעהויבן צו פארענטפערן אז זי האט געמיינט אז ער האט אן זיין רעקל אונטער'ן מעיל, און ער שרייט אויף איר: "**וואס רעדסטו? שווייג!**" בקיצור מיינע קינדער קומען צו צו מיר און זאגן מיר אז יעצט פארשטייען זיי שוין וואס איך האב פריער געזאגט פאר מאמי אז ווען נישט מוהרא"ש וואלט זי געווען שולדיג אינעם פארשפעטיגונג; דאס געדענק איך און דערפאר וועל איך במשך מיין גאנצע לעבן ווייטער ממשיך זיין צו פארשפרייטן פאר אלעמען די שיינע עצות און ווי שיין מען קען לעבן דורכ'ן הייליגן רבי'ן.

ווי פריער דערמאנט קום איך יעצט פון רבינ'ס ציון; איך ווייס נישט צי איך זאל לאכן אדער וויינען, ביים ציון זיצן אורחי פורחי, אלע וואס קומען זיך נישט אויס מיט די ווייב אדער די וואס האבן זיך פארפלאנטערט מיט חובות און האבן געדארפט אנטלויפן - די זיצן דארט, **עס פעלט א ראש בית** וואס זאל זיי אלעמען פארטרייבן פון דארט, אזוי ווי רבי אברהם בן רבי נחמן פלעגט פארטרייבן די אלע וואס פלעגן זיך אריין זעצן אין אומאן, ער פלעגט זיי זאגן: "אומאן איז נישט קיין עיר מקלט; אז דו קומסט זיך נישט אויס מיט דיין ווייב איז נישט אומאן דאס פלאץ וואו צו קומען"; האב איך געזען די גרויסע נס וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט מיר אז איך בין מקורב געווארן אין היכל הקודש - קודש קדשים.

באמת האט מיר דאס צוריק געהאלטן פון מקורב ווערן צו ברסלב, ווייל פון אלס יונג בחור'ל האב איך געצויגן צו ברסלב, אבער ביז איך האב נישט געפונען דעם ספר "אשר בנחל" וואס זאל מיר אויסקלארן וואס ברסלב איז, האב איך נישט געקענט נעמען ברסלב.

איך האב דיר נאך אסאך וואס צו שרייבן, אבער איך זיץ נישט דא באקוועמערהייט ביי א טיש און בענקל, איך שטיי ביי א דעסק וואו מען טשעקט אריין, דא שרייב איך, דעריבער דארף איך מקצר זיין.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח ווייטער ממשיך צו זיין מיט דיינע גוטע מעשים; יעצט קומט דער יום טוב חנוכה, וואס מיר גייען לויטן שיטת בית הלל צו זיין "מוסיף והולך", **מען דארף אלץ פארמערן נאך נרות, נאך ליכטלעך, נאך פעולות אז נאך אידן זאלן וויסן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

**פון דיין ראש ישיבה וואס האט דיר זייער ליב אוןווארט פאר דיין הצלחה.**

**א) וואו האט דוד המלך גערעדט צום אייבערשטן?**

**ב) דער הייליגער רבי זאגט: דער באשעפער האט ליב א ... חסיד?**

**ג)דער הייליגער רבי זאגט: צווישן די ... איז גוט צו רעדן צום אייבערשטן**



חידות אפטיילונג

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
אדער גיבט איבער די תירוצים פאר'ן מלמד אין חדר.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) עסן משניות און טרינקען תהלים
ב) משוגעים
ג) א בעל הבית האט געשלאגן זיינע ארבעטערס



מוהרא"ש ביים שפילן דריידל



מוהרא"ש לערנט פאר א שיעור אין די תש"כ יארן



מוהרא"ש אלס מלמד אין באבוב אין יאר תשכ"ו